ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 64

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי קען איך ראטעווען מיין ברודער?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב נישט געטראכט אז איך וועל אמאל שרייבן א בריוו פאר'ן ראש ישיבה אבער ההכרח לא יגונה. איך האב א יונגערער ברודער, פון בערך 14 יאר, וואס האט א סמארטפאון, און מיין טאטע איז זייער ברוגז אויף אים פארדעם. לעצטנס האט ער זיך געטראפן אפאר שלעכטע חברים און די וואך האב איך געהערט אז ער האט אנגעפאנגען צו נעמען דראגס רח"ל.*

*איך ווייס נישט וואס צו טון און וויאזוי אים צו ראטעווען, איך קען נישט פארציילן פאר דעם מגיד שיעור אדער מנהל ווייל מ'וועט אים ארויסווארפן פון ישיבה, אויך פאר מיין טאטע איז אוממעגליך צו פארציילן ווייל ער וועט אים זיכער ארויסווארפן פון דערהיים.*

*איך האב זייער א קליינע השפעה אויף אים, אבער איך וויל אים ראטעווען אויב ס'איז נאך בכלל מעגליך, איך בעט דער ראש ישיבה זאל מיר זאגן וואס צו טון ווייל איך האלט עס נישט אויס.*

*יישר כח פאר'ן נעמען די צייט צו ענטפערן.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישלח, ט' כסליו, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אויב דו ווילסט העלפן דיין ברודער, זאלסטו פארברענגען מיט אים; גיי ארויס פון שטוב מיט אים, שפאציר מיט אים, שמועס מיט אים וכו' וכו'. זאג אים נישט קיין מוסר, ווייל עס וועט נישט העלפן. ווען איינער איז טועם פון די ביטערן טראפן, ער נעמט דראגס, ניצט שוין גארנישט; איין זאך וואס קען אים צוריק האלטן פון נעמען דראגס, אז ער וועט האבן א גוטע ברודער וואס איז ווארעם צו אים און פארברענגט מיט אים וכו' וכו'.

### זאלסט זארגן פאר זיין גשמיות

דער פראבלעם איז, אז יעדער וויל אכטונג געבן אויפן צווייטן; דו זארג פאר דיין אייגענע רוחניות, זוך ווי דו קענסט פרייליך מאכן דיינע עלטערן מיט דעם וואס דו וועסט מוסף זיין בלימוד התורה און פארעכטן דיינע גוטע מעשים, און בנוגע דיין ברודער, זאלסטו זארגן פאר זיין גשמיות, זוך ווי דו קענסט אים פרייליך מאכן, ווי דו קענסט אים ארויס נעמען אויף גוטע פלעצער פארברענגען, ער זאל הנאה האבן פון זיין משפחה וכו'.

### די גרעסטע כיבוד אב ואם, איז ברענגען נחת פאר די עלטערן

אז דו ווילסט העלפן דיין טאטע, זאלסטו זען אז ער זאל האבן נחת פון דיר. די גרעסטע מדריגה אין כיבוד אב ואם, איז ווען די עלטערן זעען ווי זייער קינד לערנט און דאווענט און פירט זיך מיט יראת שמים (עיין קיצור שלחן ערוך הלכות כיבוד אב ואם, סימן קמג). ווער עס וויל באמת מכבד זיין זיינע עלטערן זאל לערנען די הייליגע תורה, און עוסק זיין אין מצוות ומעשים טובים, דאס איז דער גרעסטער כיבוד אב וואס עס איז נאר שייך. מענטשן זאגן: "וואויל איז פאר די עלטערן וואס האבן מגדל געווען אזא קינד", אבער אויב דער קינד גייט נישט בדרך התורה, דאן ווערן די עלטערן זייער פארשעמט.

ועל כולם זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל אריין לייגן א רוח טהרה אין אלע אידן, ווי אויך אין דיין ברודער; ווייל תפילה איז אונזער געווער, תפילה איז אונזער אייניציגסטע עצה וואס מיר האבן. עס איז דא אסאך מעשיות ווי אזוי בחורים און אינגעלייט זענען צוריק געקומען פון די ווייטסטע מקומות נאר דורך אסאך תפילה און אסאך סבלנות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## מיין באלעבאס האט נישט קיין שום געפיל צו מיין שווערע ארבעט

*שלום וברכה פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, א גרויסן יישר כח פאר'ן אוועקגעבן צייט צו ענטפערן אונזערע שאלות.*

*די שאלה וואס שטערט מיך איז, אז ס'איז שוין דרייצן יאר, כולם שוים לטובה, וואס איך ארבעט אויף א פלאץ, און איך בין זייער איבערגעגעבן צו די בעלי בתים, איך טו צו זיי אסאך אסאך מער ווי סתם ארבעטערס, איך שטעל זיי צו גאר א געלונגענע ארבעט, אבער למעשה זע איך אז אין די רגע ווען עס קומט צו זייערע אינטערעסן זענען זיי גרייט צו באגראבן די ארבעטערס. פון וואו נעמט מען די מוט און כח צו קענען ווייטער אנגיין מיט די ארבעט? אויב דער ראש ישיבה קען מיר ביטע געבן חיזוק צו קענען ווייטער אנגיין מיט די ארבעט*

*א גרויסן יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ראה, כ"א מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן

לכבוד האברך ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דיין קשיא - דאס איז אליין דער תירוץ; דו פרעגסט מיר ווי אזוי עס קען זיין אז דו ארבעטסט שוין אסאך יארן ביי א פלאץ און דו געבסט זיך איבער פאר דיינע בעלי בתים, און יעצט זעסטו אז ווען עס קומט צו זייערע אינטערעסן קוקן זיי נישט אויף דיר, און דו פרעגסט מיר ווי אזוי דאס קען זיין.

## עס איז א שאד נאך צו לויפן מענטשן

וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז נישט געווען קיין שיעור וואס מוהרא"ש זכרונו לברכה זאל נישט רעדן פון דעם, אז עס איז נישט דא קיין חברים, און עס איז א שאד נאך צו לויפן מענטשן, ווייל יעדער מיינט נאר זיך, והא ראי', די רגע וואס עס וועט אויס קומען בעסער פאר זיי צו נעמען א צווייטער ארבעטער וועלן זיי דיר אוועק שיקן אן קיין רחמנות.

## דער בעל הבית טרעפט א צווייטע שמאטע

מען זעט נעבעך ווי אינגעלייט צערייסן זיך פאר זייערע בעלי בתים; זיי ווייסן נאך נישט וואס דער לעבן איז, זיי לייגן אלעס אין דער זייט פאר זייערע בעלי בתים, אזוי זענען זיי זיך מוסר נפש לאנגע יארן, ביז דער בעל הבית טרעפט א צווייטע שמאטע וועם מען קען גוט אויסניצן, און דעמאלט זאגט ער אף דעם אינגערמאן פון איין טאג אויפן צווייטן, און ער בלייבט מיט גארנישט; ער האט נעבעך גארנישט... **די ווייב האט ער שוין נישט, ווייל יעדעס מאל זי האט אים געבעטן אהיים צו קומען וכו', האט ער איר אוועק געשטופט מיטן תירוץ: "מיין בעל הבית האט מיר געבעטן דאס און יענץ"; זיינע קינדער האט ער נישט, ווייל ווען זיי פלעגן וועלן רעדן מיט זייער טאטע וכו' האט ער אייביג געהאט גוטע תירוצים אז ער דארף לויפן צו זיין ארבעט, זיין בעל הבית האט אים געבעטן א טובה וכו'**, און יעצט ווען דער בעל הבית האט אים ארויס געשטויסן, זעט ער זיך איינער אליין.

דערפאר דארף מען געדענקן ווען מען גייט ארבעטן, אז מען גייט ארבעטן פשוט צו ברענגען פרנסה אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ספרי דברים, פרק טו, פיסקא קנח) אויפן פסוק (מלשון הכתוב דברים טו, יח): "וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה, יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל? תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", מען דארף ארבעטן, אבער מען דארף געדענקען אז דער אייבערשטער איז דער וואס געבט די פרנסה.

## דיין פרנסה געבער איז דער אייבערשטער

מוהרא"ש האט דערציילט, אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים, און ער האט זייער געוויינט: **"רבי, מיין פרנסה געבער איז געשטארבן"**; דער איד האט פארמאגט א קו און ער פלעגט מעלקן דאס קו און פארקויפן די מילך, פון דעם האט ער געהאט פרנסה, איין צופרי קומט ער אריין אין שטאל, און טרעפט זיין קו טויט; דער חפץ חיים האט אים געוואלט בארואיגן, אבער דער איד וויינט און שרייט אז ער גייט שוין שטארבן פאר הונגער, ווייל ער האט מער נישט קיין פרנסה, זאגט אים דער חפץ חיים זכרונו לברכה: **"דיין פרנסה געבער איז דער אייבערשטער, און ער וועט דיר ווייטער געבן פרנסה, חס ושלום צו טראכטן אז דיין פרנסה איז געקומען פון א קו, נאר די וועג ווי אזוי דו האסט געהאט פרנסה איז געווען דורך די קו, און יעצט וועט קומען דיין פרנסה דורך אן אנדערע וועג".**

די מעשה זאלסטו גוט אריינעמען אין זיך; דו זאלסט זיך נישט איינרעדן פאר איין מינוט אז דיין פרנסה קומט פון די ארבעט, און אויב דו ווערסט פארלירן די ארבעט וועסטו אויסגיין פאר הונגער וכו', אדער אנדערע מחשבות וואס קומען אריין אינעם מענטש: 'וואס וועט זיין?' 'ווי אזוי וועל איך האבן געלט?' **נאר א מענטש דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט זיך שוין זיינע וועגן ווי אזוי ער העלפט דעם מענטש.**

## אוועק געגעבן זיין אידישקייט פאר דעם בעל הבית

א אינגערמאן וואס קומט ארויף דאווענען אין ישיבה, זאגט מיר פאריאר אז ער וויל זייער שטארק קומען אויף אומאן, אבער דער בעל הבית וואו ער ארבעט זאגט אים אז אויב ער פארט אויף אומאן וועט ער פארלירן זיין דזשאב, און ער פרעגט מיר וואס ער זאל טון; איך האב אים געזאגט אז ער זאל קומען קיין אומאן. למעשה איז ער נישט געקומען קיין אומאן - ער האט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון; וואס מיינסטו? אפאר וואכן נאך סוכות זאגט ער מיר אז זיין בעל הבית האט געטראפן א צווייטן אינגערמאן וואס טויג אים בעסער, און ער איז געבליבן אן א פרנסה. דער אינגערמאן איז געווען אזוי פארשעמט, ווייל ער האט אוועק געגעבן זיין ראש השנה, זיין רבי, זיין אידישקייט, און זיין התחזקות פאר דעם בעל הבית, און יעצט האט ער גארנישט.

## מיט תפילה קען מען באקומען חן אין יעדעמס אויגן

דו בעטסט מיר אן עצה צו האבן כח ממשיך זיין צו ארבעטן אויף א פלאץ נאכדעם וואס דו זעסט אז דיינע בעלי בתים זוכן דיר צו באגראבן; קוק אריין אין מדרש רבה (פרשת וישב) ווי אזוי יוסף הצדיק האט זיך געקענט אויס קומען מיט זיין בעל הבית פוטיפר, עד כדי כך אז (בראשית לט, ב): "וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ", ער האט געזען אז דער אייבערשטער איז מיט אים, זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שם פו, ה) אז יוסף הצדיק ווען ער פלעגט באדינען זיין האר, פלעגט ער רעדן צום אייבערשטן, און שטענדיג האבן זיך זיינע ליפן געשאקלט; ביז פוטיפר האט אים איינמאל געפרעגט: "זאג מיר, וואס שאקעלסטו מיט דיינע ליפן, דו מאכסט כישוף?!" האט אים יוסף הצדיק געענטפערט: **"ניין, איך איך בין נישט קיין כישוף מאכער, נאר איך האב א גרויסע באשעפער, וואס איך בעט אים אז איך זאל נושא חן זיין אין דיינע אויגן".**

זעט מען אז מיט תפילה קען מען באקומען חן אין יעדעמס אויגן, אפילו אין די אויגן פון פוטיפר, וואס ער איז געווען זייער א שמוציגער מענטש וכו'.

שטארק דיר, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

**ווי אזוי היילט מען פחדים און פאניק אטאקעס?**
**ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט א שווערע שווער און שוויגער?**

קוקט ארויס אויף די קומענדיגע גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218 אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**